# אָנגעקומען אין בוענאָס-אײַרעס

מרדכי אַלפּערסאָן

אין אַ זונטיק, י"ט אָב, דעם 23סטן אויגוסט 1891, האָט מיך די דײַטשישע שיף "טיאָקאַ" מיט נאָך 300 עמיגראַנטן געבראַכט פֿון האַמבורג קיין בוענאָס-אײַרעס נאָך אַ רײַזע פֿון 32 טעג אויפֿן ים.

ווען מיר האָבן פֿון ווײַטנס דערזען די שטאָט, אײַנגעטײלט אינעם שאָטן פֿון די פּאַלמען-ביימער, איידער דער דאַמפּער איז צום האַפֿן צוגעשווומען, האָט אונדז אַ שטאַרקע שׂמחה באַהערשט. די מאַמעס האָבן זײערע קינדער אין דער הויך געהויבן דערקלערענדיק זיי מיט פֿרײַד:

"זעט, קינדערלעך! אָט דאָרט איז דער גן-עדן, דאָס שיינע גרינע לאַנד, וואָס דער גוטער באַראָן הירש האָט פֿאַר אונדז געקויפֿט."

"ערדאַרבעטערס, קאָלאָניסטן וועלן מיר ווערן: פֿרײַע ייִדן וועלן מיר זײַן. אויס פּאָגראָמען! אויס איגנאַטיעוו מיט זײַנע גזרות!" האָבן די אַרויסגעטריבענע דאָרפֿייִדן געטענהט.

קליינע שיפֿלעך זײַנען צו דער "טיאָקאַ" צוגעקומען, ארויפֿגענומען צו צוויי-דרײַ משפּחות מיט זייערע פּעקלעך און טלומקעלעך, זיי צוגעפֿירט צום אַרגענטינער באָדן ווו מען האָט געלאַנדט.

אין שיפֿל, ווו איך בין געזעסן, מײַן פֿרוי און מײַנע דרײַ קינדערלעך, האָט מײַן בכור, אבֿרהם, וואָס איז אכט יאָר אַלט געווען, איבערגעראַשט צו זײַן מוטער זיך געווענדט: "זע נאָר, מאַמע, דאָרט אויפֿן ברעג שטײט אַ שוואַרצער אוריאַדניק, רויכערט אַ גרויסע ליולקע, ציט און ציט, און ס'גייט אַלץ קיין רויך נישט!"

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט דער שוואַרצער ויזשילאַנט געצויגן דורך דער באָמביזשע, די פּאַראַפּאַרעטע "זשערבאַ"-טיי – דער נאַציאָנאַלער אַרגענטינער געטראַנק, וואָס איז באַקאַנט אונטערן

נאָמען ״מאַטע״ און וואָס ווערט דורך אַ בלעכן אָדער זילבערנעם רערל געטרונקען פֿון אַ קירבעס־טעפּעלע.

די לאָדקעס האָבן אונדז, עמיגראַנטן, געבראַכט אין אימיגראַנטן־הויז, אַן אַלטע, גרויסע, מיט מאָך און שימל באַוואַקסענע, הילצערנע געבײַדע, וווּ עס זײַנען געווען צימערן און חדרימלעך אָן אַ שיעור. דאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפֿן נאָך אַ צוויי הונדערט ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס די שיף ״ליסאַבאָן״ האָט פֿריִער מיט אַ פּאָר טעג געבראַכט.

עטלעכע פֿאַרברוינטע פּאַרשוינען, האַלבע נעגערס, האָבן דורך מימיק אונדז צום טיש צוגעוווּנקען, אָנווײַזנדיק מיט דער האַנט אין מויל אַרײַן – ווײַל שפּאַניש האָט קײנער פֿון אונדז קײן איין וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען – און מיר האָבן זיך אַרום די לאַנגע טישן אַוועקגעזעצט. די שוואַרצע האָבן ברויט און אַ בלעכן שיסעלע מיט פֿלייש דערלאַנגט יעדן אײנעם. קײן אַפּעטיט האָט קײנעם פֿון אונדז נישט געפֿעלט. אַלע, סאַמע יונגע מענטשן, נאָך אַ לאַנגער ים־רײַזע האָבן זיך געשמאַק צו דער אַכילה גענומען.

נאָר פּלוצעם איז אויסגעוואַקסן אַ דאַר ייִדל, אַ קלײנטשיקס, מיט אַ משופּע געלן בערדל און גרויע אויגן, האָט ווי אַ וויכער זיך געטראָגן פֿון איין טיש צום צווייטן און יעדן אײנעם עפּעס אַ סוד אײַנגערוימט אין אויער. ס'איז אַ שושקערײַ געוואָרן, און באַלד האָבן אַ סך די שיסעלעך מיטן געשמאַקן עסן אָפּגערוקט אין אַ זײַט. הונגעריקע קינדער האָבן זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

״מאַמע, מאַמע, כ'וויל עסן! פֿאַר וואָס נעמסטו צו דאָס עסן? די פֿרויען האָבן נישט געענטפֿערט און שווײַגנדיק בײַ די קינדער זייער שפּײַז אַוועקגענומען. עלטערע ייִדן, פֿרומע, וועלכע האָבן דאָס עסן סײַ ווי סײַ נישט אָנגערירט, זײַנען פֿון ווײַטן געשטאַנען, געצויגן מיט די אַקסלען און פֿאַרכמורעט געשוויגן. אײניקע פֿרויען האָבן זיך אײַלנדיק אויפֿגעהויבן פֿונעם טיש און זײַנען אַוועק אין דרויסן, וווּ זיי האָבן צוריקגעגעבן זייער עסן...

איז דאָס ייִדל אויך צו אונדזער טיש צוגעקומען און האָט אונדז פֿאַרטרוילעך מיטגעטײלט: ״עסט נישט! דאָס איז פֿערדנפֿלייש! אַלטע שקאַפּעס קוילעט מען דאָ און מען גיט זיי די אימיגראַנטן צום עסן!״

אָבער כּהרף־עין איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגערמאַן, שמואל האַלבמיליאָן, אַליין אַ קיעווער, און האָט אויסגעשריִען: ״אַוועק, צבֿויאַק, ווער פֿרעגט דען דיך, ווער?״ דערבײַ האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ מתּנת־יד, וואָס האָט רוישיק אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן זאַל.

דער נפֿש האָט זיך אין דרײַען אײַנגעקאָרטשעט און איז אונטער די הענט נעלם געוואָרן. שפּעטער האָבן מיר אים אַ סך מאָל באַגעגנט: ער איז אָנגעקומען פֿאַר אַ קאָלאָניסט אין מאַוריציע, ווו ער האָט אונדז אַ סך צרות פֿאַרשאַפֿט.

דער יונגערמאַן, וועלכער האָט צבֿויאַק אויסגעפּאַטשט, איז צוזאַמען מיט זײַן שווער אַבֿרהם פּעפּ, אַ זייער בכּבֿודיקן ייִדן, אַרומגעגאַנגען די טישן און דעם עולם באַרויִקט, אַרײַנטענהנדעק: "דער שבתי-צבֿיניק איז אַ כּזבֿן! עסט, קינדער, און גלייבט נישט אין זײַנע ליגנס. אַרגענטינע איז גענוג רײַך אין פּי. זי דאַרף נישט געבן אירע אימיגראַנטן, וועלכע זי האָט אזוי גערן, קיין פֿערדנפֿלייש. מיר קענען אים, אָט יענעם פֿאַרשוין, נאָך פֿון גאַליציע, ווו ער איז מיט אונדז צוזאַמען געפֿאָרן. אויף דער רײַזע האָט עס זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ שנאָרער און דערצו נאָך אַ פּשוטער אָפּנאַרער..."

זיי האָבן וועגן אים דערציילט אָט וואָס: "אין לעמבערג איז ער צום קולטער-פֿאָרשטייער געקומען און געבעטן, מען זאָל שיקן אַ מוהל מל צו זײַן דאָס קינד, וואָס זײַן פּרוי האָט אויף דער אַכסניה געבוירן, און מ'זאָל אים אויך שטיצן מיט אייניקע גולדן, ווײַל זײַן ווײַב פּילט זיך זייער שוואַך. אַ קוויטל האָט מען אים תּיכּף געגעבן צו אַ געוויסן מאיר שײַן, אַ ספּעציאַליסט אַ מוהל און אַן עסקן במצוות. דער דאָזיקער איידעלער ייִד האָט צונויפֿגעזאַמעלט עטלעכע צענדליק גולדן, פֿאַרקויפֿנדיק די כּיבודים צווישן די לעמבערגער גבֿירים: ה' שלמה באַבער – סנדק, ד"ר בייזער – כּיסא של אליהו, און אַזוי ווײַטער. אויף מאָרגן האָט דאָס ייִדל מיט דעם געלט בערדל מיט דער יולדת און איר בן-זכר נישט געסטײַעט... בײַ נאַכט זײַנען זיי אָפּגעפֿאָרן קיין קראָקע, זעלבסט-פֿאַרשטענדלעך מיטנעמענדיק די מזומנים. אין קראָקע האָט ער די זעלביקע שפּיל געמאַכט, און ערשט אין האַמבורג האָט ער בײַם ראַבינער ד"ר הירש מל געווען זײַן קינד."

טייל עמיגראַנטן, הערנדיק די געשיכטע, האָבן זיך ווידער גענומען צום עסן. אָבער די מערסטע האָבן די עטלעכע טעג, וואָס מיר זײַנען געווען אין אימיגראַנטן-הויז, נישט פֿאַרזוכט קיין לעפֿל געקעכטס.

נאָכן עסן האָט אַ באַאַמטער יעדן מאַנספּאַרשוין אַ דערלויבענישצעטל געגעבן אַרויסצוגיין אין גאַס, די שטאָט אָנקוקן. פֿרויען האָט מען נישט דערלויבט אַרויסצוגיין אין גאַס, די שטאָט אָנקוקן. די מענער האָבן געמעגט קומען ביז פֿינף פֿאַר נאַכט צוריק אין אימיגראַנטן-האָטעל.

אַ מרה-שחורה איז אויף מיר באַפֿאַלן, ווען איך מיט נאָך אייניקע יונגע לײַט זײַנען אַרײַן אין שטאָט. קיין לעבידיקן מענטש האָט מען אין גאַס נישט

געזען. אָפּגעקלאַפּטע הײַזער. טירן און פֿענצטערס מיט אײַזערנע גראַטעס באַשלאָגן. אַ פּאָר טראַמװײַען מיט פֿערד האָבן זיך שלעפֿעריק ארומגעשלעפּט איבער די צענטראַלע גאַסן פֿון שטאָט, פֿירנדיק זײער װײניק פּאַסאַזשירן. װוּ נישט װוּ האָט מען באַגעגנט אַ מאָנאַשקע אין שװאַרצן מיט אַ װײַסן שלײער איבערן קאָפּ און אַ צלם אויפֿן האַלדז.

אַ צװײ הונדערט מעטער פֿונעם אימיגראַנטן-האָטעל האָבן מיר אָנגעטראָפֿן בײַדלעך פֿון ציגײַנערס מיט אַ סך קינדער. ציגײַנערינס מיט לאַנגע, פּעכשװאַרצע צעפּ זײַנען געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר, האָבן געלײגט קאָרטן, אויסגעװאָרפֿן אויף דער האַנט און די שטריכן באַקוקט. דאָס ציגײַנער-קלײנװאַרג האָט נישט געלאָזט אַדורכגײן: האָבן געבעטלט אַ מאַראַנץ, אַ סענט אָדער כאָטש אַ שטיקל ברויט.

אַ פּאָליציסט, אין אַן אַלטן שינעל, באָרוועס, איז געשטאַנען בײַם ראָג גאַס, האָט זיך געשמאַקלעך צוגעדרעמלט אָדער געקוקט תּמעוואַטע גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, אָדער גאָר געשײלט אַ מאַראַנץ.

מיר האָבן אײנער דעם צווײטן אָנגעקוקט: "אָט דאָס איז בוענאָס-אײַרעס, די הויפּטשטאָט פֿון דער ארגענטינער רעפּובליק?"

שפּעטער האָבן מיר דערוווסט, אַז מיר זײַנען אָנגעקומען סאַמע נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע פֿון 1890, וואָס דורך איר איז נאָך דעם דער פּרעזידענט ד"ר מיגעל כואַרעז סעלמאַן ארונטערגעזעצט געוואָרן, דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ פֿאַרשווענדערישע רעגירונג געפֿירט, און דעריבער האָט די שטאָט אַזוי אָרעם און קלאָגלעך אויסגעזען.

מיר האָבן אויסגעמאָסטן די פּוסטע גאַסן, געקויפֿט פֿאַר צען סענט אַ טוץ מאַראַנצן, געגעסן און געשפּאַנט.

פֿון: *מוסטערוועדק* 31, ז' 27-32